גוט שבת אלע אידן. הרה״צ רב ישעיהעלע קערעסטיר זי״ע איז געווען א באקאנטער בעל מופת. דער קערעסטירער רבי, וואס איז געבוירען געווארן אין יאר תרי״א, איז געווען א חסיד פון רב חיים צאנצער זצ״ל און נאכדעם פון ר׳ מרדכי נארדווארנער זצ״ל. נאכדעם איז ער אליינס געווארן רבי אין קערעסטיר. עס זענען דא אסאך מעשיות פון מופתים פון רב ישעיהעלע קערעסטיר. אפילו אז ר׳ ישעיהעלע זצ״ל איז שוין נישט דא מער ווי אכציג יאר, הערט מען עד היום פרישע מעשיות וועגן זיינע מופתים.

עס איז דא היינט א קערעסטירער בית מדרש אין מיאמי. לעצטענס איז אריינגעקומען צום בית מדרש א בעל תשובה. דער בעל תשובה האט גענומען דערציילן זיין מורא׳דיגען מעשה ווי אזוי ער איז צוריקגעקומען צום אידישקייט. ״באמת,״ האט דער בעל תשובה אנגעפאנגען צו דערציילן, ״האב איך בכלל נישט געוואוסט אפילו אז איך בין א איד ביז אפאר יאר צוריק...״ א גרופע אידן זענען געזיצן דארט הערענדיג דעם מעשה.

פאר מיר גייען ענדיגען דעם מעשה, לאמיר רעדן אביסל וועגן ענינים פון תשובה. טון תשובה מיינט נישט נאר אז מען האט חרטה אויף אלע שלעכטס וואס מען האט געטון. דער הייליגער רמב״ם איז מסביר אז תשובה טון איז תלוי אויף זאגן וידוי. זאגט דער רמב״ם אז מען איז מקיים די מצוה פון וידוי ווען מען זאגט ״אנא השם חטאתי עויתי פשעתי לפניך ועשיתי כך וכך.״ מען בעט השם איבער און מען זאגט אז מען שעמט זיך פון אלע נישט גוטע זאכן וואס מען האט געטון אין דעם פארגאנגענע יאר, און מען נעמט זיך אונטער נישט צו טון די אלע זאכן אין דעם קומענדיגן יאר. זאגט דער רמב״ם ווייטער אין הלכות תשובה: ״וכל המרבה להתודות ומאריך בענין זה הרי זה משובח.״ געלויבט איז איינער וואס טוט אסאך וידוי. כדי צו מקיים זיין די מצוה פון וידוי איז כדאי אז יעדער איינער זאל זיך אראפזעצן אין שרייבן א ליסטע פון אלע עבירות און נאכדעם זאל מען אלע חטאים אויסרעכענען בפה און טון אזוי ווי דער רמב״ם פסקענט לעיל. איז לאמיר צוריקגיין צו אונזערע מעשה...

דער בעל תשובה, לאמיר אים רופן ״משה״ האט דערציילט ווי ער איז אויפגעוואקסן אין אמעריקא. אלץ קינד האט ער קיינמאל נישט געהערט רעדן וועגן אידישקייט אינדערהיים. נישט נאר דאס, אבער ער האט געמיינט אפילו אז ער איז געווען א גוי, רח״ל! ווען משה (אזוי האט ער נישט געהייסן דעמאלט!) איז געווארן אביסל עלטער, האט ער געזוכט ארבעט. ער האט געהאט א חוש פאר קאכן. דערפאר איז ער געגאנגען לערנן קאכן אין א ספעציעלע סקול פאר דעם.

יעדען טאג האט משה געקאכט אסאך עסן אין יענע סקול. ער האט געזען ווי מעןווארפט אוועק כמעט אלע עסן וואס מען האט געקאכט. די קעכערס וואס האבן זיך געלערנט קאכן, האבן טועם געווען נאר אביסל און נאכדעם האבן זיי געלייגט דעם געקעכטס אין מיסט. עס האט אים געבאדערט אז מען האט אזוי פיל עסן אוועקגעווארפן. איין טאג האט משה זיך מיישב געווען אז דאס עסן וועט נישט מער גיין לאיבוד. משה האט גענומען אלע איבריגע עסן און ער האט עס ארויסגעטראגן צום גאס. די סקול איז געווען אין א גרויסע שטאט אויף זייער א פארנומענע גאס. אסאך ״היימלויז״ מענטשן זענען געגאנגען יעדען טאג אויפן גאס וואו די סקול איז געווען. משה האט מסדר געווען אלע עסן אויף א קליינע טיש אויפן גאס לעבן דעם אריינגאנג פון דעם קאכן סקול. די היימלויז זענען איבערגענומען געווארן מיט גרויס פרייד. זיי האבן זיך מחי׳ געווען מיט דעם געשמאקע עסן. דאס איז נישט געווען קיין פשוטע עסן. עס איז געווען זייער ״פענסי״ עסן וואס די קעכערס האבן געקאכט כדי זיך צו לערנען ווי אזוי מען קאכט פאר די שענסטע האטעלס וכו׳.

איין טאג ווען משה האט געהאלטן אין מיטן ארויסלייגן אלע עסן אויפן באשטימטען פלאץ, האט אים איינער אפגעשטעלט אויפן גאס און געזאגט אז ער וויל אים עפעס פרעגן. יענער, וואס איז לכאורה געווען א גוי, האט געפרעגט משה צי ער איז א איד. משה, וואס האט דעמאלט נישט געוואוסט, האט געזאגט צום גוי אז ״ניין,״ ער איז נישט קיין איד, ער איז א גוי. ״און פארוואס פרעגסטו צי איך בין א איד?״ האט משה געפרעגט יענעם.

״ווייל איך זעה אז דו לייגסט דא ארויס עסן פאר מענטשן וואס דארפן עס. און דאס וואס דו טוסט איז א מעשה פון ׳חסד,׳ און אזא ׳חסד׳ פאסט פאר א איד צו טון!״ משה האט אים באדאנקט פארן קאמפלימענט, אבער משה האט אים געזאגט אז ער איז טאקע א גוי, נישט קיין איד להבדיל.

יענער גוי איז צוריקגעקומען די נעקסטע וואך און ער האט געטראפן משה נאכאמאל און ער האט משה ווידער געפרעגט צי ער איז זיכער אז ער איז נישט קיין איד. משה האט יענעם נאכאמאל געענטפערט אז ער איז נישט קיין איד. אבער, משה האט גענומען טראכטן. פארוואס טאקע האט ער געהאט געפילן פון רחמנות אויף די היימלויז? פארוואס האט ער געוואלט אזוי שטארק טון חסד מיט זיי? משה איז געווארן אזוי נייגעריג, אז ער האט טאקע געפרעגט זיין מאמע.

איבערראשט איז ער געווארן צו הערן וואס זיין מאמע האט געזאגט. ער איז טאקע א איד! נאכדעם האט משה זיך אינטערעסירט אין אידישקייט. צוביסלעך איז ער געווארן אן עכטער בעל תשובה. און פארוואס איז ער אריינגעגאנגען אין דעם קערעסטירער שול? דאס ענטפער איז זייער אינטערעסאנט: זיין מאמע האט דערציילט ווי זי האט געוואוינט אין אונגארן פאר די מלחמה. און וואו אין אונגארן האט זי געוואוינט? אין קערעסטיר! און אין וועמענ׳ס הויז האט זי געארבעט אין קערעסטיר? אין דעם הויז פונעם צדיק רב ישעיהלע קערעסטיר! און וואס האט זי געטון דארט אין זיין הויז? זי איז געווען א קעכער! פארשטייט זיך אז זיין מאמא איז דורכגעגאנגען שווערע צייטן אין די מלחמה יארן. נאך די מלחמה האט זי באהאלטן אירע אידישקייט, ביז איין טאג פערציג יאר שפעטער ווען זי האט עס אנטפלעקט פאר אירע זון.

דער כח פונעם צדיק רב ישעיהעלע קערעסטיר זי״ע האט משפיע געווען אויף דורות. כאטש אז די מאמע אליינס איז נעבאך אראפ פון אידישען וועג, איז אירע זון ב״ה צוריקגעקומען. (מעשה געהערט פון א קערעסטירער אייניקל אין סקווירא)

מיר פארשטייען נישט ווי אזוי עס ארבעט, אבער די ברכות פון א צדיק זענען משפיע אויף די קומענדיגע דורות. ״הנסתרת לה׳ אלקינו והנגלת לנו ולבנינו...!״ לאמיר אלע זיך נעמען חיזוק פון דעם מעשה כדי צו קענען זיך צוגרייטן צום יום הדין. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו״ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, הילד צבי אלימלך בן שיינדל, ר׳ דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים. נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845) דעו אחיי היקרים מה שכתוב בזוהר: ״ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל...״ (פר׳ תרומה קלא:)